# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת האזינו - ח' תשרי תשפ"ז × **עלון 208**

## בהשגחה

# ווען דער פאנעוועזשער רב בעט, געבט דער עולם

ווען דער פאנעוועזשער רב פלעגט קומען מעורר זיין אידן צו שטיצן די ישיבה, האט דער עולם ברייט געעפענט די הערצער און די טאשן, און געלט איז געפלאסן בהרחבה.

איין מאל איז א צווייטער ראש ישיבה אנגעקומען צום זעלבן פלאץ וואו דער פאנעוועזשער רב פלעגט קומען, אבער ער איז אהיימגעגאנגען מיט גאר ווייניג געלט.

דער ראש ישיבה, וואס האט געוויסט פונעם פאנעוועזשער רב'ס הצלחה אין דעם דאזיגן פלאץ, האט זיך שטארק געוואונדערט. ער האט געפרעגט איינעם פון די בני הקהילה מיט וואונדער: "וואס איז טאקע דער חילוק צווישן מיר און דעם פאנעוועזשער רב?"

האט אים יענער איד געענטפערט: "ווען דער פאנעוועזשער רב קומט אן, בעט ער גאר גרויסע סכומים, און ער לאזט פילן אז ער מוז עס האבן דרינגענד. דער עולם פילט אז אויב מען גיבט אים נישט כאטש האלב פון וואס ער בעט, איז עס א פגיעה אין זיין כבוד התורה."

"אבער," האט דער איד אויסגעפירט, "ווען דער ראש ישיבה קומט, מאכט ער דעם רושם אז וואס אימער דער עולם וועט נאר געבן וועט זיין גוט. ממילא גיבט דער עולם טאקע לויט ווי דער ראש ישיבה בעט."

**אלעס ווענדט זיך וויאזוי מען בעט.**

מיר געפינען זיך יעצט אין די טעג ווען עס ווערט ארויסגעגעבן דער פסק וויאזוי אונזער גאנצע יאר וועט אויסזען, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

ווען מען גייט צו צום דאווענען, זאל מען זיך נישט באגענוגן מיט ווייניג.

יעדער איד גלייבט אז דער באשעפער קען משפיע זיין גרויסע ברכות פאר יעדן איינעם.

יעדער איד ווייסט אז הקדוש ברוך הוא איז א אב הרחמן וואס וויל אונז געבן אלעס גוטס.

אונזער תפקיד איז צו נישט זיין קיין קמצנים ביי אונזערע תפילות, נאר מיר דארפן דאווענען און בעטן אויף אלעס, אז עס זאל זיין מיט גרויס שפע.

מען קען בעטן אויף אומגעהויערע נחת פון די קינדער, אויף ריזיגע עשירות, אויף א גאנצע רפואה, און פונקט אזוי אויף רוחניות'דיגע ענינים.

דער באשעפער קען געבן פאר יעדן דעם מאקסימום. מען דארף נאר גלייבן און דאווענען.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

**סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע**

# ערב יום כיפור, בעל שפת אמת מבערזאן זצ"ל

ערב יום כיפור שנת תרכ"ז, אין שטאט בערזאן. א דערהויבענע שטילקייט און א הייליגע ציטער האט ארומגענומען דעם בית המדרש. מ'האט געענדיגט די 'כל נדרי' תפילה, געקושט די ספרי תורה און זיי צוריקגעלייגט אין ארון קודש.

דער הייליגער רבי, רבי משולם שרגא פייוויש פון בערזאן, בעל 'שפת אמת', צוגעגאנגען צום בימה צו זאגן זיין דרשה, אזוי ווי זיין מנהג איז געווען יעדן יאר.

צום שטוינונג פון דעם גאנצן עולם, נאך פאר דער הייליגער רבי האט געעפנט דאס מויל, האט ער אנגעהויבן וויינען. זיינע פלייצעס האבן געציטערט, און הייסע טרערן האבן גערינען פון זיינע ריינע אויגן. און אזוי האט דער רבי אנגעהויבן זאגן:

"אין צוויי סארט מצבים דארף א מענטש דאנקען דעם באשעפער. די ערשטע איז ווען א מענטש איז זוכה צו דאנקען אויף גוטע בשורות, ווען דער באשעפער באגליקט אים מיט גוטס, עשירות און כבוד, אדער ווען ער איז זוכה צו פראווען א שמחה ביי זיך אינדערהיים."

דער רבי האט אפגעשטעלט זיין דרשה און נאכאמאל אנגעהויבן וויינען, ווען זיינע טרערן רינען ווי א טייך. דערנאך האט ער געהויבן זיין קול און אויסגעשריגן פון טיפעניש פון הארץ:

"אבער אמאל ברענגט דער באשעפער אויף א מענטש א מצב וואס ער דארף בענטשן - אויף דעם רע! אמאל מאכט זיך א מצב וואס מ'שיקט אים פון הימל חושך און הסתרה. אבער אפילו אין אזא צייט - דארף א מענטש בענטשן אויף דעם רע! ווייל באמת קומט קיין שום שלעכטס נישט אראפ פון אויבן, און אלעס איז נאר צום גוטן, פונעם באשעפער וואס זיין רחמנות האט נישט קיין גרעניץ!"

די שארפע ווערטער פונעם רבי'ן האבן אויפגעטרייסלט די ווענט פונעם בית המדרש, און דער רבי האט ווייטער געזאגט מיט א וויינענדיג קול:

"עס איז א חיוב אויף יעדן איד זיך צו שטארקן מיט אמונה אין אלע מצבים! א מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטן אפילו אויף שוועריגקייטן און יסורים - פונקט ווי ער בענטשט אויף דעם גוטן! און נישט נאר דאס, נאר ער דארף עס טון מיט שמחה! און אפילו ווען א שרעקליכע טראגעדיע פון פארלירן קינדער ר"ל פאסירט חלילה ביי א מענטש - דארף ער גוט געדענקען און זיך שטארקן מיט אלע כוחות אז דער אייבערשטער איז דער בורא ומנהיג, און אלעס וואס ער טוט - איז צום גוטן..."

דער רבי האט פארענדיגט זיינע ווערטער און געזאגט: "רבונו של עולם, איין קלאפ קענען מיר נאך אויסהאלטן, אבער פאר צוויי קלעפ האבן מיר שוין נישט קיין כח..."

דער רבי האט געענדיגט זיינע מורא'דיגע ווערטער פון אמונה און זיין הארץ-רייסנדע דרשה, וואס האט אויסגעזען ווי ער זאגט פאראויס וואס

<<<

דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.
ווילסט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## אין לך אדם שאין לו מקום

**הרב אברהם מאשקאוויטש שליט"א פון בני ברק דערציילט:**

צווישן אלע מיינע פארגעסענע זכרונות פון מיינע קינדער יארן, איז דא איין זאך וואס בלייבט מיר זיס אויפן צונג: דער קשר מיט מיין גוטן פריינד מיט וועמען איך האב געלערנט בחברותא אין חדר. כאטש וואס שפעטער אין ישיבה האבן מיר געלערנט אין אנדערע פלעצער, און אונזערע לעבנס וועגן האבן זיך צושיידט, האבן מיר דאך אנגעהאלטן דעם קשר. מיר שמועסן עטליכע מאל א יאר, און מיר פאראינטערעסירן זיך איינער אינעם צווייטן וויאזוי עס גייט. ערב ראש השנה איז איינע פון די קביעות'דיגע צייטן ווען מיר שמועסן, און מיר ווינטשן זיך פון טיפן הארצן א גוט געבענטשט יאר און א כתיבה וחתימה טובה.

איין ערב ראש השנה, רעדנדיג מיט מיין אלטן חבר, האב איך אים געפרעגט: "וואו דאוונסטו דאס יאר ראש השנה?" ער האט מיר געענטפערט אז דאס מאל גייט ער דאווענען אין אן אנדערן בית מדרש פון וואו ער פלעגט דאווענען. דער דאזיגער בית מדרש געפינט זיך נאנט צו מיין הויז, און ערב יום טוב, ווען איך בין צוריקגעקומען פון מקוה, בין איך דארט דורך. איך האב ביי מיר געטראכט: "עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו זען וואו מיין חבר'ס פלאץ איז אין דעם בית מדרש."

איך בין אריין אין בית מדרש און איך האב געזען אז אלעס איז שוין כמעט גרייט. דער גבאי איז ארומגעגאנגען פון איין סטענדער צום צווייטן, ער האט אויסגעשטעלט בענקלעך, געדעקט טישטוכער, אנגעשטעלט די עיר קאנדישאנס, און ער האט שוין געהאלטן ביים ענדיגן די הכנות פאר ראש השנה. אויפן וואנט איז געהאנגען א מאפע מיט אלע זיץ-פלעצער, און איך האב אנגעהויבן זוכן מיין חבר'ס נאמען. מיט אן איבערפלעכליכן בליק האב איך נישט געזען זיין נאמען, האב איך באשלאסן דורכצוגיין נאמען נאך נאמען ביז איך וועל עס טרעפן.

איך ווייס נישט פארוואס עס איז מיר געווען אזוי וויכטיג צו זען זיין פלאץ, אבער אזוי איז געווען. איך בין דורכגעגאנגען נאמען נאך נאמען, אבער איך האב נישט געפונען מיין חבר'ס נאמען. איך בין נאכאמאל דורכגעגאנגען די גאנצע ליסטע, און דער פאקט איז געווען קלאר: מיין חבר'ס נאמען פעלט פון די ליסטע. ער האט נישט קיין פלאץ אין דעם בית מדרש פאר ראש השנה!

איך האב אים גלייך גערופן און געזאגט: "הער צו, איך בין פונקט אריבער דעם בית מדרש און איך האב געוואלט זען דיין פלאץ, אבער איך זע נישט דיין נאמען אויף די ליסטע. רוף שנעל דעם גבאי; איך האף אז ער וועט נאך קענען עפעס מסדר זיין פאר דיר."

מיין חבר איז מיר זייער דאנקבאר געווען, און ער האט שנעל גערופן. דער גבאי האט ברוך השם שוין געהאלטן ביים פארלאזן דעם בית מדרש, און פונקט דעמאלט האט ער באקומען דעם טעלעפאן רוף פון מיין חבר. ער האט איבערגעקוקט די ליסטע, געזען דעם טעות, און זיך אנטשולדיגט, און ער האט ברוך השם מסדר געווען א פאסיגן פלאץ פאר מיין חבר.

צו זיין אין שול ראש השנה אן א פלאץ צו דאווענען, איז עפעס וואס איך ווינטש נישט פאר קיינעם. אין יענעם בית מדרש זענען שוין אלע פלעצער געווען פארנומען, און ווען נישט מ'כאפט עס די לעצטע מינוט, וואלט געווען א גרויסע עגמת נפש. קיינמאל פריער האב איך אים נישט געפרעגט וועגן זיין פלאץ אויף ימים נוראים - און פונקט דאס מאל איז דאס אויפגעקומען. מן השמים האט מען מיר צוגעפירט צו העלפן מיין חבר, אז זיין פלאץ זאל זיין מסודר פארן היילגן טאג.

## באצאלט פארן באצאלן אויפן טעות

**נ. צוויג דערציילט:**

פאר ארום 50 יאר צוריק, האבן מיר געוואוינט אין ענגלאנד, און געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. מיר האבן געזוכט א וועג וויאזוי דאס צו באצאלן, און אזוי איז געבוירן געווארן דער געדאנק צו קויפן טערילין טישטוכער וואס מ'דארף נישט ביגלען - א זאך וואס איז רעלאטיוו לייכט צו שלעפן פון איין לאנד צום צווייטן, און איז נאכגעיסט געווען בנמצא אין ארץ ישראל. מיר האבן געפלאנט אז נאכדעם וואס מיר וועלן פארקויפן די סחורה אין ארץ ישראל, וועלן מיר האבן גענוג געלט צו באצאלן פאר די טיקעטס.

מיר זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל מיט עטליכע רענצלעך סחורה, און מיר האבן געפינען א געשעפט אין ירושלים וואס איז געווען גרייט צו פארקויפן דעם נייעם פראדוקט - די טישטוכער וואס מ'דארף נישט ביגלען. דער פרייז וואס איך האב פארלאנגט האט אויסגעזען צו הויך פאר די געשעפט אייגנטימער, און זיי האבן שווער געארבעטעט אראפצוקלאפן דעם פרייז. איך האב געפירט מיט זיי א לאנגע פארהאנדלונג ביז מיר זענען זיך ענדליך דורכגעקומען אויף א פרייז. בכלל איז דער גאנצע באציאונג מיט זיי נישט געווען צו אנגענעם. די באצאלונגען זענען אויך אנגעקומען שפעט, אבער טראץ דעם אלעם האט זיך מיר געלוינט צו ארבעטן מיט זיי, כדי אלעס צו פארקויפן פאר איין געשעפט אנשטאט צו

## המשך השגחה עליונה

ס'גייט קומען, און דער גאנצער פלאץ איז געווארן אנגעפילט מיט א חרדת אלקים.

וויניגער ווי דריי חדשים שפעטער, דעם ערשטן טאג חנוכה, זענען צוויי פון דעם רבי'נס קינדער קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק. דאס זענען געווען זיין זון רבי לייביש, און זיין בחור ישעיה אשר. ליידער, נאך א שווערע קרענק, איז ישעיה אשר נפטר געווארן ח' טבת.

דורכאויס יענע טעג האט זיך דער הייליגער רבי, רבי פייוויש, געשטארקט מיט א ריינע אמונה. נאכאמאל און נאכאמאל האט ער איבערגעחזר'ט פאר זיינע ארומיגע אז די גזירה איז פונעם אייבערשטן, און מיר האבן נישט קיין רעכט צו פרעגן קיין קשיות, ווייל אלעס איז צום גוטן, און אלעס וואס דער באשעפער טוט, טוט ער צום גוטן.

יעצט האט מען שוין פארשטאנען וואס ער האט מיט זיין דרשה ערב יום כיפור. די חסידים האבן זיך צוגעקוקט צו די וואונדערליכע הנהגה פון זייער הייליגן רבי'ן און עס איינגעקריצט אין זייערע הערצער, און זיי האבן אין יענע טעג קונה געווען אן אייביגע קנין פון שלימות'דיגע אמונה, און א קלארע ידיעה אז קיין שלעכטס קומט נישט אראפ פונעם אייבערשטן, און אלעס איז באמת לטובה.

מיט די גאנצע צער און יסורים - האט דער רבי' אויך געהאט א נחמה, ווען זיין זון רבי לייביש איז צוריק געזונט געווארן, און ער האט זוכה געווען צו לאנגע יארן, אזוי ווי דער רבי' האט זיך אויסגעבעטן ערב יום כיפור.

ארומצולויפן צווישן עטליכע פלעצער.

צום סוף מיט א ביטערן טעם אין מויל, האב איך געשלאסן מיט זיי דעם דיעל. די טישטוכער זענען איבערגעגעבן געווארן, און דאס געלט איז באצאלט געווארן. אפילו נאך די אלע הנחות און דיסקאונטס, האב איך נאך אלץ געהאט גענוג ריווח צו באצאלן פאר די טיקעטס.

מיר האבן געענדיגט אין ירושלים און מיר זענען געפארן קיין בני ברק.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין בני ברק האבן מיר פלוצלינג באמערקט אז נישט אלע טישטוכער וואס מיר האבן פארקויפט זענען געווען די זעלבע סייז. עטליכע זענען געווען קורצער, און ממילא - זענען זיי ווערד ווייניגער געלט.

למעשה גערעדט: מיר דארפן זיי צוריקגעבן געלט.

עס איז געווען א קליינער סכום, אבער עס האט נערוועירט. קודם כל, דער ביטערער טעם וואס איך האב געהאט פון האנדלען מיט יענעם געשעפט איז נישט געווען עפעס וואס איך האב געוואלט פארזוכן נאכאמאל... זיך צו נאכאמאל פארבינדן מיט זיי איז געווען שטארק א אומבא'טעמ'טער געדאנק. אויסער דעם, דער נידריגער פרייז וואס מיר האבן עווענטועל באקומען פאר יעדן טישטוך איז דאך געווען נאכדעם וואס דער געשעפט אייגנטומער האט אונז אזוי שטארק געקוועטשט...

איך האב געקענט טענה'ן אז יענער קליינע סכום איז שוין לאנג אויסגעגליכן געווארן מיט די אלע הנחות וואס מיר האבן זיי געגעבן, אבער פון די אנדערע זייט האט מען נישט געקענט איגנארירן דעם פאקט אז דער פרייז איז אפגעמאכט געווארן אויפן חשבון אז אלע טישטוכער זענען די זעלבע גרויס. א קלענערער טישטוך איז ווערד ווייניגער!

איך האב געהאט א שווערע אינערליכע מלחמה, אבער בסייעתא דשמיא האב איך זיך געשטארקט און עומד געווען בנסיון. איך האב ארייגעלייגט דאס איבעריגע געלט אין א קאנווערט און איך האב עס אפגעשיקט מיט די פאסט צום אדרעס פונעם געשעפט.

א פאר מינוט שפעטער האט אונזער שכן פון אויבן, א סופר סת"ם ביי וועמען מיר האבן געהאט באשטעלט מזוזות, אנגעקלאפט אין אונזער טיר

ער האט מסביר געווען דעם ציל פון זיין באזוך: "איך האב געמאכט א טעות. איר האט באשטעלט נייע מזוזות, און דעריבער באצאלט א טייערערער פרייז ווי גרייטע מזוזות. אבער באמת זענען די מזוזות נישט געשריבן געווארן ספעציעל פאר אייך, ווייל איך האב שוין געהאט מזוזות פון איינעם אנדערש וואס האט עס באשטעלט און עווענטועל נישט אפגענומען. איך וויל אייך צוריקגעבן דעם איבעריגן סכום."

ער האט אונז צוריקגעגעבן דאס געלט, און מיר האבן עס איבערגעציילט. איך מיין אז איר קענט שוין אליין צוטרעפן: די סכום געלט וואס ער האט אונז צוריקגעגעבן פאר די מזוזות איז געווען פונקטליך די זעלבע סכום וואס איך האב צוריקגעגעבן פאר'ן פארקויפן די טישטוכער!

מיר זענען געווען שטארק גערירט פון דעם שמייכל פון הימל. פון די זכיה צו זען אזוי זיס אז מיר טוען דאס וואס איז גוט און אנגענומען ביים באשעפער.

<<<

## הרה"ח רבי בעריש שנעבאלג שליט"א

## צייט פאר חשבון הנפש

דער אייבערשטער וויל מיר זאלן האבן יראת שמים און דאס מחזק זיין אין אונזערע הערצער. הקדוש ברוך הוא ווארט אויף אן אמת'ן טויש. אז א מענטש מאכט דעם טויש, ער גלייבט אינעם באשעפער און ער האט בטחון, וועט די געלט שוין נאכקומען; דער אייבערשטער וועט עס שוין ערלעדיגן.

עס מאכט זיך אפט אז איך זיץ מיט מענטשן וואס זענען שולדיג מיליאנען פאר אנדערע. פאר אונז קוקט דאס אויס ווי א ריזיגע זאך, אבער ביים רבונו של עולם איז נישטא קיין שום חילוק אין די סכומים. צי עס זענען עטליכע מיליאנען אדער בסך הכל הונדערט שקל, ביי אים איז אלעס דאס זעלבע.

אונזער גאנצע תכלית אויף דער וועלט איז צו לעבן אזוי ווי דער אלטער פון קעלעם זצ"ל האט געלעבט - און מיר ווייסן דאך אז אלע צדיקים האבן אזוי געלעבט: שטענדיג מיט א פחד פונעם אייבערשטן און יראת שמים. הלוואי זאלן מיר אויך זוכה זיין דערצו, צו טראכטן יעדע סעקונדע און יעדע מינוט. אויף דעם יסוד האט דאך חבקוק הנביא אוועקגעשטעלט די גאנצע תורה - אויף אמונה.

עס איז טאקע נישט גרינג, אבער דאס איז די ריכטיגע הכנה צו ראש השנה: זיך אפצושטעלן אויף א מינוט און טראכטן וואס דער באשעפער וויל פון אונז, און פארשטיין אז ער וויל מיר זאלן מורא האבן פון אים און זיך פארלאזן אויף אים.

אמת'ע שמחה איז ווען א מענטש האלט ביי א מצב וואס ער קען זיך אליין בודק זיין און מברר זיין וואס עס האט אים צוגעברענגט צום נפילה. "והיה" - ווען וועט מען צוקומען צו שמחה? "עקב" - ביים סוף. מען דארף גוט אריינקוקן ביים סוף פון א פראבלעם וויאזוי די שוועריגקייט איז געשען. נאכדעם וואס מען פארשטייט דעם פונקט, "ועשיתם אותם" - דעמאלט קען מען מאכן א חשבון הנפש און טון תשובה, און אזוי אנקומען צו אן אמת'ע ענדערונג.

מענטשן פרעגן אפט: דארף מען לעבן מיט א בודשעט? דער תירוץ איז: זיכער יא! מען דארף לעבן לויט דעם וואס דער אייבערשטער טיילט אונז צו, פירן א בודשעט לויט די אייגענע מעגליכקייטן, און גלייבן מיט א פולע אמונה אז אלעס וואס מען דארף באמת האבן, וועט מען באקומען.

יעדער מענטש האט זיין וועג וואס ער איז באשטימט דורכצוגיין אויף דער וועלט. די מעשה איז נישט וואס מען דארף יא אדער נישט טון; די גאנצע זאך איז צו לעבן "על פי ה'", אזוי ווי עס שטייט אין ספר דברים (ח, ג). דער אייבערשטער האט נישט קיין שום מניעה אונז צו געבן היינט אויך די זעלבע ניסים וואס זענען געווען אין מדבר. דארט זענען די קליידער נישט אפגענוצט געווארן און די מלבושים זענען מיטגעוואקסן מיט די מענטשן. דער באשעפער האט אלע מעגליכקייטן אונז צו געבן אלעס. פון אונז בעט ער נאר איין זאך: צו לעבן לויט דעם רצון ה', צו לעבן מיט אים און טון וואס ער פארלאנגט.

ווען מיר ברענגען אריין דעם אייבערשטן אין אונזער לעבן, מיר דאווענען צו אים און בעטן פון אים הילף אויף יעדן טריט און שריט - דעמאלט זעט מען ישועות. דער באשעפער העלפט. פרעגט נאר די אלע וואס האבן חתונה געמאכט קינדער, די וואס זענען געזונט געווארן פון מחלות, און יעדער וואס האט געזען סיי וועלכע ישועה: זיי האבן קלאר געזען דעם באשעפער'ס האנט מיט די אייגענע אויגן. זיי האבן געגלויבט אין אים, און זיי זענען געהאלפן געווארן דורך אים.

## צוויי יאר צו כאפן

ווען אומשולדיגע טויבעלעך שפאצירן זיך אויפ'ן סיידוואלק, איז שווער צו גלייבן וואס פארא שאדנס זיי קענען אנווערטשאפן. אלס א מעינטענעס מענעדזשער (איש תחזוקה) ווער איך צומאל געוואויר אז זאכן וואס זעען אויס גאר נישטיג קענען ווערן א מורא'דיגע פראבלעם וואס שטערט דעם גאנצן סדר היום, און נישט בלויז פאר איין טאג-צוויי נאר פאר וואכן און חדשים.

און דאס וואס האט ביי מיר פאסירט מיט די טויבן.

זיי האבן זיך באקוועם געמאכט ביי איינע פון די בנינים אויף אומזיסטע קעסט. זיי האבן געמאכט א אומדערטרעגליכן באלאגן און שמוץ, אויסגענוצט יעדעס לעכל, און שטארק געשטערט די ווערטשאפט אינעם בנין. איך האב באקומען אסאך קאמפלעינס דערוועגן, און איך האב געטון אלעס וואס איך האב נאר געקענט זיי צו פארטרייבן.

ווען איך האב געזען אז איך קען עס נישט אליין באהאנדלען, האב איך באשלאסן צו דינגען א פירמע וואס ספעציאליזירט זיך אין פטור ווערן פון טויבן. די ארבעטער זענען אנגעקומען, ארויפגעלייגט נעצן אויף די פענסטער, לעכער און שפאלטן, אינסטאלירט שפיזן און נאך פארשידענע טשיקאווע זאכן, געבעטן א הון רב, און צוגעזאגט אז דאס איז עס. ס'איז גערעדיגט. פון היינט און ווייטער וועלן די טויבן נישט האבן קיין דריסת הרגל אין דעם פלאץ.

אנהויב האט טאקע אויסגעזען ווי זיי האבן געכאפט דעם רמז, אבער נאך א שטיק צייט, זענען זיי צוריק 'אהיים' געקומען, נאכאמאל אלעס פארשמוצט, און נאכאמאל יעדן נערווירט – סיי די מענטשן אין בנין און סיי מיר, דער מענעדזשער. איך וואוין ווייט פון דארט, און יעדעס מאל וואס מ'האט מיר אהין גערופן צוליב די טויבן, האב איך געמוזט קענסלען א טאג ארבעט און פארברענען א גאנצן טאג דערויף.

איך האב באשלאסן צו פרובירן א נייעם מומחה. איך האב גערופן א מומחה ספעציעל פאר טויבן, און ער האט מיר געגעבן א גאנץ היוכע פרייז. איך האב פארשטאנען אז איך האב נישט קיין ברירה און אים גערופן צום פלאץ. מיר זענען אנגעקומען, און ער האט באטראכט די ארבעט פון זיינע פארגייער מיט א חוזק'דיגע בליק. "דאס הייסט ארבעט?! דאס איז דאך סתם נאריש!" האט ער געלאכט. "איך וועל דא מאכן עפעס וואס אנדערע קענען נישט!" האט ער שטאלצירט, און דאס מאל געשאסן א נייע פרייז, דאפעלט פון די פריערדיגע...

דא האט זיך ביי מיר אנגעצינדן א רויטע לעמפל. איך האב איינגעזען אז איך האב דא צו טון מיט א מענטש וואס האט א גרויסן אפעטיט, און איך האב באמת נישט געהאט קיין אנונג וואס ער קען טאקע אויפטון חוץ פון בעטן געלט. איך האב געדארפט איבערקוקן די פאקטן און זיך איבערטראכטן. איך האב אים געזאגט אז איך וועל עס איבערקלערן.

איך האב טאקע איינגעטראכט, אבער אין אן אנדערער ריכטונג...

איך האב אנגעהויבן טראכטן וואס דא טוט זיך שוין פאר צוויי יאר, און פלוצלינג, אין א מזל'דיגע שעה, האב איך זיך געכאפט וואס איך וואלט שוין פון לאנג געמעגט כאפן: וואס גייט דא פאר? פארוואס שיקט מיר דער אויבערשטער די אלע טויבן? אזוי ווי איך האב שוין געטראכט פונעם רבונו של עולם, האב איך זיך דערמאנט א גאר וויכטיגע נקודה: איך האב דאך קיינמאל נישט מתפלל געווען דערויף! איך האב בכלל נישט געבעטן קיין הילף פונעם באשעפער! ער האט געשיקט די טויבן, און בלויז ער קען זיי אויך אוועקנעמען!

צומארגנס, ביי שחרית, האב איך מתפלל געווען צום אויבערשטן און אים געבעטן ער זאל מיר העלפן, די טויבן זאלן זיך גיין לחיים ולשלום און דאס רואיגקייט זאל ווידער הערשן אינעם בנין. איך האב אים געבעטן אז ער זאל מיר פירן מיט א גוטע עצה און מיר שפארן די ריזיגע סכומים געלט וואס ווערן פארוואסערט צוליב זיי.

גלייך נאכן דאווענען איז מיר בייגעפאלן א געדאנק וואס איז מיר ביז יעצט נישט איינגעפאלן: זיך צו פארבינדן מיטן פירמע וואס האט שוין געמאכט די ארבעט אינעם בנין מיט צוויי יאר צוריק. איך האב אנגערופן דעם נומער וואס איך האב געהאט געסעיווד פון דעמאלטס, און איך האב זיי דערציילט אז די טויבן זענען שוין ווידער דא.

דער מענעדזשער האט מיר געענטפערט: "מיר קומען שוין אריבער זען וואס דא טוט זיך."

ער איז אנגעקומען מיט אפאר ארבעטער; זיי האבן געפונען לעכער און פלעצער וואס זענען נישט געווען געהעריג פארמאכט, זיי האבן אלעס געסיעלט, פארראכטן און פארמאכט, און דאס אלעס - אויפן חשבון פונעם וואראנטי אויף די ארבעט!

צוויי יאר עס איך דא מרור מיט די טויבן, איך פארטאכלעווע געלטער, און עס איז מיר נישט איינגעפאלן אזא פשוט'ע זאך ווי צו נוצן די ווארענטי!

עס איז מיר קלאר אז דאס איז געווען די כח התפילה. עס איז שטארק מסתבר אז אן דעם דאווענען וואלט אפילו דער צווייטער קאנטראקטאר אויך נישט געקענט העלפן...

ברוך השם, זינט מען האט עס פארראכטן זענען די טויבן מער נישט צוריקגעקומען, אבער די מעסעדזש בלייבט: דער הייליגער באשעפער האט געווארט אויף מיין תפילה.

## ווער קאנטראלירט די סטאקס?

ווען איך בין געווען א קינד, איז ביי מיר געווען קלאר אז ווען א ברודער אדער שוועסטער האט חתונה איז עס א געשמאקע צייט פאר די גאנצע משפחה. די עלטערן האבן געקויפט נייע קליידער פאר יעדן, מ'האט געדינגען א זאל, און אלעס וואס מ'האט געדארפט האט מען געקויפט און געקויפט. ס'איז נישט געווען קיין שום שאלה וויאזוי דאס פאסירט. ס'איז געווען א פאקט. קיינער האט מיר נישט מסביר געווען אז ס'קומט אראפ א ספעציעלע שפע פון אויבן; איך האב עס אליין געפילט.

ווען איך בין עלטער געווארן און ס'איז געקומען מיין רייע צו טון א שידוך, האב איך אבער אויסגעפונען אז זאכן קענען אויך גיין שווער. מיין טאטע'ס ביזנעס איז אריינגעפאלן אין שוועריגקייטן, ס'איז געווען א שווערע תקופה, די הוצאות זענען געשטיגן און די הכנסות זענען פארשוואונדן. אין א קורצע צייט האט זיך די פינאנציעלע לאגע אינדערהיים דראסטיש געטוישט, און דאס האט פאסירט פונקט פאר מיין רייע איז געקומען.

פאר מיר איז געווען א שוועסטער וואס איז שוין געווען אין שידוכים, און נאכדעם בין איך געווען.

איך האב געפרעגט מיין טאטן: "טאטע, וויאזוי וועסטו קענען חתונה מאכן? נאך אלעם, דער מצב..." איך האב נישט געדארפט

מסביר זיין מער. דער מצב האט גערעדט פאר זיך אליין.

"וואס א חילוק וואס דער מצב איז?!" האט מיין טאטע מיר געזאגט. "היד ה' תקצר? ער קען צושטעלן הערליכע חתונות, סיי פאר דיין שוועסטער און סיי פאר דיר!"

מיין טאטע האט געהאט אזא פעסטע בטחון, און נאר דאס קען מסביר זיין אט דאס וואס ס'האט זיך אויסגעלאזט.

פאר'ן אנזעצן, האט מיין טאטע געארבעט אין ריעל עסטעיט בראקערעדזש. ער פלעגט מאכן א שיינעם ריוח פון יעדע דיעל וואס איז געשלאסן געווארן.

ביי איינע פון די דיעלס האט דער קליענט באצאלט מיין טאטן מיט סטאקס. אין יענע צייט זענען די סטאקס געווען ווערד פונקט דאס וואס דער קליענט איז שולדיג געווען.

א קורצע צייט נאכ'ן באצאלן, איז די ווערד פון יענע סטאקס אונטערגעגאנגען. זיי זענען געווארן וויניגער ווערד ווי דאס פאפיר אויף וואס זיי זענען געדרוקט געווארן, און מיין טאטע האט אנגערופן דעם קליענט און געפאדערט זיין געלט. "קוק אהער," האט דער קליענט געענטפערט, "איך האב באצאלט לויט די ווערד פון יענעם טאג. פונקט ווי א שער קען פאלן, קען עס אויך ארויפגיין. ווארט צו. העכסטנס וועסטו עס ניצן צו באצאלן פאר דיינע קינדער'ס חתונות."

עס האט דעמאלט אויסגעזען ווי א ביטערן וויץ, אבער מיין טאטע האט איינגעזען אז ער האט זעהרא אויסזיכטן ארויסצובאקומען א גרייצער פון יענעם, דעריבער האט ער אוועקגעלייגט די דאקומענטן פון די סטאקס ערגעצוואו.

פונקט ווען א גוטע הצעה פאר מיין שוועסטער איז ארויפגעקומען אויפן טיש, האט די ווערד פון יענע אנגעזעצטע סטאקס אנגעהויבן ארויפצושיסן. איינער האט אפגעקויפט די פירמע און געהויבן איר שטאנד. די ווערד פון די סטאקס האבן ארויפגעשאסן אין הימל אריין, און מיין טאטע האט איינגעקעשט זיינע סטאקס פאר גוט געלט, פונקט ווי יענער קליענט האט גע'טענה'ט... די סטאקס וואס מיין טאטע האט פארקויפט האבן אריינגעברענגט א הערליכן סומע, גענוג אויף צו דעקן אלע חתונה הוצאות מאל צוויי!

מיר האבן געקענט קלאר זען ווי א ספעציעלע קראן פון שפע האט זיך געעפנט ספעציעל פאר די צוויי חתונות.

און נאכדעם, האט זיך עס פארמאכט!

א קורצע צייט נאך מיין חתונה, האט די ווערד פון די סטאקס נאכאמאל געטראסקעט אין דר'ערד אריין. מיר האבן קלאר געזען אז דאס גאנצע ארויפגיין פון די ווערד איז געווען א 'קאסטום-

האט איך זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

בריוון צו די מערכת

**שלום וברכה צום מערכת פון גליון 'השגחה פרטית'!**

איך בין א לאנג-יעריגער צוהערער אויף די האטליין, און עס האט מיר מחזק געווען מיין אמונה און בטחון אויף א געוואלדיגן אופן. איך האב זייער הנאה פון די מעשיות וואס מענטשן לאזן איבער דארט פון זייער טאג-טעגליכן לעבן, פשוט'ע און נאטורליכע מעשיות, וואס אלעס ברענגט ארויס דעם זעלבן בליק אז עס איז דא א בעל הבירה און א באשעפער אויף די וועלט.

איך וויל מיטטיילן א מעשה וואס האט פאסירט ביי אונז אינדערהיים, וואס האט מיר געוויזן און ארויסגעברענגט אז איך האב איך אמאל געמיינט אז ווען איך הער אויס די האטליין אדער ליין דעם גליון און געבן מיר די זאכן נאר אביסל כח אופן סעקונדע און דערנאך - חלילה - גייט עס צוריק ארויס דורכ'ן צווייטן אויער, האב איך זיך יעצט איבערצייגט אז די 'השגחה פרטית' האטליין און גליון טוישן טאקע דאס לעבן, און קריצן אריין אמת'ע אמונה אינעם אויבערשטן טיף אין הארץ.

איין אוונט בין איך ארויס פון שטוב אויף צו דאווענען מנחה. נאכדעם וואס איך האב געענדיגט דאווענען, זע איך אויפן טעלעפאן עטליכע 'מיסד קאלס' פון אינדערהיים, איינס נאכ'ן צווייטן. איך האב אהיים געקאלט, און מיין משפחה האט מיר דערציילט אז די קינדער האבן בטעות צובראכן א טייערע און וויכטיגע זאך וואס איז ווערט עטליכע טויזנט שקלים.

פלוצלינג, אויפן אויגן-בליק, איז מיר אויפגעקומען אין קאפ די תורה פון הייליגן 'בת עין', וואס איך האב געהערט דא אויף די 'השגחה פרטית' האטליין אינעם וועכנטליכן שמועס מיט די חשוב'ע רבנים און אין אנדערע אפטיילונגען. דער 'בת עין' אין פרשת ויחי, אויפ'ן פסוק "מאשר שמנה לחמו", לערנט אונז אויס אז אויב עס פאסירט מיט א איד א זאך וואס זעט אויס אומאנגענעם אדער א צער, זאל יענער דאנקען דעם אויבערשטן דערויף ווייל באמת איז אלעס לטובה. דורכדעם טוישט מען איבער דאס גאנצע שלעכטס אויף גוטס משורש, און מען ווערט זוכה זיין צו גרויסע ברכות. דער 'בת עין' אנטפלעקט אז דאס איז א געוואלדיגע סגולה ממתיק צו זיין די דינים!

וואס האב איך געטוהן?

איך בין אהיימגעקומען, צונויפגענומען אלע קינדער אויף א'סטעידזש' (די הויכע בעט אין די קינדער-צימער...), מיר האבן גענומען דעם ספר 'בת עין' און געלערנט די תורה מיט א קלארע הסברה פאר די קליינע קינדער, און צום סוף האבן מיר אלע געדאנקט דעם אויבערשטן פון טיפן הארצן.

אנשטאט צו שרייען און מאכן א בהלה, האבן מיר געדאנקט, און איך בין זיכער אז די נקודה איז אריין טיף אין די הערצער פון די קינדער און עס וועט זיי באגלייטן זייער גאנץ לעבן.

דאס אלעס איז א דאנק דעם מכון 'השגחה פרטית'

**בברכה**

**חיים יעקב צוקערמאן, ירושלים**

## פַארְשְׁפֶּעטִיגְט אִינְאֵיינֶעם

**לֵוִי יִצְחָק פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

יעדער וֵוייסְט דָאךְ וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶוען מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף אִין אַ שְׁפִּיטָאל. צוּמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן מָאנַאטְן לַאנְג אוֹיף אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט.

אוֹיךְ מִיר הָאבְּן לַאנְג גֶעוַוארְט אוֹיף אַ בַּאהַאנְדְלוּנְג וָואס מַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל בַּיי אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער. דִי אַפּוֹינְטְמֶענְט הָאט מֶען בַּאשְׁטִימְט שׁוֹין אַסַאךְ צַייט פְרִיעֶר, אוֹיף דִי בֵּין הַזְּמַנִּים טֶעג, אוֹיף אַכְט אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי.



אִין דֶעם טָאג פוּן דִי אַפּוֹינְטְמֶענְט זֶענֶען אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי. גֶעשְׁפַּאנְט. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאלְט אַרוֹיסְפָארְן זֵייעֶר פְרִי, כְּדֵי צוּ פַארְזִיכֶערְן אַז זִי פַארְשְׁפֶּעטִיגְט נִישְׁט חָלִילָה.

צוּ אוּנְזֶער בַּאדוֹיעֶרְן אִיז נִישְׁט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען וִוי גֶעפְּלַאנְט, אוּן מַיין מַאמֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל פִיל נָאךְ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אוּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם דָאקְטֶער נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע פַארְשְׁפֶּעטִיגוּנְג. פוּן צְוֵוייטְן זַייט, זִיךְ צוּרִיק דְרֵייעֶן אַהֵיים אוּן בַּאשְׁטֶעלְן אַ נַייעֶ אַפּוֹינְטְמֶענְט נָאכְ'ן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ. הָאט זִי צוּגֶעגְרֵייט אַ גַאנְצֶע פַארְעֶנְטְפֶערוּנְג אוּן גֶעהָאפְט אַז דֶער דָאקְטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַנְטְזָאגְן פוּן בַּאהַאנְדְלֶען מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְשְׁרַייעֶן.

וִוי זִי דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ מִיט וַואקְלְדִיגֶע טְרִיט צוּם צִימֶער פוּן דָאקְטֶער קוּמְט עֶמִיצֶער אוּנְטֶער! דֶער דָאקְטֶער אַלֵיין! עֶר אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אוּן וֵוייסְט נִיטְאַמָאל אִיבֶּער אִיר פַארְשְׁפֶּעטִיגוּנְג.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא אוֹיפְפַאלְנְדֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אַז דֶער דָאקְטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אִיבֶּער אִיר פַארְשְׁפֶּעטִיגוּנְג אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ בַּאצוֹיגְן גֶעוֶועגְלִיךְ צוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן גֶעגֶעבְּן אַ פוּלֶע סֶערְוִויס.

## קָארְנְפְלֶעקְס פוּן הִימְל

**יְחִיאֵל הַאלְפְּרִין פוּן קִרְיַית צַאנְז, נְתַנְיָה דֶערְצֵיילְט:**



וֶוען דִי אִינְהַאלְטְסְפוּלֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית מַאגַאזִין קוּמְט אַרַיין אִין מַיינֶע הֶענְט, בְּלֶעטֶער אִיךְ עֶס דוּרְךְ מִיט אִינְטֶערֶעס. אַזוֹי דוּרְכְלֵיינֶען פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז אוֹיף דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית לַיין, אִיז דָא אוֹיסְצוּהֶערְן אִיבֶּער דְרַייסִיג פָארְזֶעצוּנְגֶען. עֶס הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן מַיין נֵייגֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט וואוּ צוּ הִיטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן נוּמֶער אוּן בַּאשְׁטִימְט אַז דִי בֶּעסְטֶע אָרְט וֶועט זַיין אוֹיפְן פְרִיזְשִׁידֶער.

וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים פְרִיזְשִׁידֶער אוּן גֶעזוּכְט אַ מַאגְנֶעט זָאל אָנְהַאלְטְן דָאס קְלֵיין צֶעטֶעלֶע רוּפְט זִיךְ אָן מַיין שְׁוֶועסְטֶער, "אַ צֶעטְל קֶען זִיךְ פַארְלִירְן. בֶּעסֶער נֶעם אַ קַארְטָאן אוּן קְלֶעבּ עֶס אַרוֹיף פוּן אוּנְטֶער דַיין בְּלַאט, דֶעמָאלְט וֶועט עֶס זַיין מֶער מֶערְקְבַּאר אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אוּן צֶעטְרָאטְן וֶוערְן."

זִי הָאט גֶערֶעדְט אַזוֹי קְלוּג, אַזְשׁ אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶענוּמֶען זוּכְן קַארְטָאן. 'דִי פַּאסִיגְסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען אַ קַארְטָאן פוּן אַ קָארְנְפְלֶעקְס בַּאקְס,' אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן. דִי קַארְטָאן אִיז דִין אוּן גְלַאט.

אָבֶּער וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין קָארְנְפְלֶעקְס בַּאקְס? מֶען בֶּעט פוּן דֶער וָואס הָאט אֵייבִּיג אַלֶעס - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער. "אִיךְ וִויל אַ קָארְנְפְלֶעקְס בַּאקְס."

גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן שְׁפֶּעטֶער עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר פוּן הוֹיז. מַיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס וואוֹינְט אַ פָּאר שְׁטָאק אִיבֶּער אוּנְז אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן מִיט אִיר גֶעזִינְדְל. אוּן אִין זֵייעֶר הַאנְט... אָהָה! אַ 'כִּמְעַט' לֵיידִיגֶע קָארְנְפְלֶעקְס בַּאקְס. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעוַוארְט דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן דִי קָארְנְפְלֶעקְס אוּן גֶעכַאפְּט דִי פוּשְׁקֶע אֵיידֶער מַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער וַוארְפְט עֶס אִין מִיסְט קַאסְטְן.

## אֵייעֶר בִּיז צוּם טִיר

**אַ טַייעֶרֶער אִינְגְל דֶערְצֵיילְט:**

עֶס הָאט אוּנְז גֶעפֶעלְט אֵייעֶר אִין שְׁטוּבּ. "אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ קוֹיפְן אֵייעֶר?" הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעבֶּעטְן. אִיךְ הָאבּ גֶערְן צוּגֶעשְׁטִימְט; גֶענוּמֶען גֶעלְט אוּן אַרָאפְּגֶעלָאפְן אִין גְרָאסֶערִי. אָבֶּער אִין גְרָאסֶערִי הָאט מִיר אָפְּגֶעוַוארְט אַן אַנְטוֹישׁוּנְג. אַלֶע אֵייעֶר פָּאלִיצֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען... לֵיידִיג. מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אוּן גֶעקְלֶערְט וָואס וֶועלְן מִיר יֶעצְט טוּן וֶוען מִיר דַארְפְן דִי אֵייעֶר אַזוֹי דְרִינְגֶענְד.



וָואס מֵיינְט אִיר? וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער! אִין דִי מִינוּט וָואס אִיךְ פַארְמַאךְ דִי טִיר אוּנְטֶער מִיר, קְלַאפְּט מֶען. אִיךְ עֶפְן אוּן קֶעגְן אִיבֶּער מִיר שְׁטֵייט דֶער שָׁכֵנְ'ס אִינְגְל מִיט אַ הוֹיפְן אֵייעֶר. "פַאר אַ צַייט צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעבָּארְגְט פוּן עֶנְק," שְׁטֶעקְט עֶר מִיר אוֹיס דִי אֵייעֶר.

דִי אֵייעֶר וֶועלְכֶע זֶענֶען מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט.

**טֵייְעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַארְ קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

דֶער מוֹהֵל ר' יִשְׂרָאֵלִ'י קָאפְּעל בֶּעט צוּ פַארְפְרִיעֶן דֶעם בְּרִית פוּן דֶעם גוֹי'שְׁן בֶּעיבִּי צוּ דְרַיי אַזֵייגֶער מִיטָאג, עֶר דֶערְמָאנְט זִיךְ אַז אוֹיפְן וֶועג אַהִין הָאט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה אֲשֶׁר יָצַר. זָאגְנְדִיג דִי בְּרָכָה פַארְן בְּרִית דֶערְוִויסְט מֶען זִיךְ אַז דִי מַאמֶע פוּן דִי בֶּעיבִּי אִיז אַ אִיד.



# דִי רִירֶנְדֶע אַנְטְפְּלֶעקוּנְג

פרק 4 פון 4




עֶנְדֶע

# זיכה וזכה

## א שמועס מיט די גליקליכע משפיעים

### וואו פארשפרייט איר עס?

אין שטאט מאנסי, איך צושפרייט עס צווישן צוויי בתי מדרשים, און איך ברענג אויך אין כולל.

### וואס האט אייך געברענגט צו וועלן פארשפרייטן?

כ'האב זיך ב"ה געהאט זייער אסאך חיזוק פון דעם חשוב'ן טעלעפאן ליין. אבער די קוויטל האט אויך שטארק גערעדט צו מיר.

### איר האט עפעס א השגחה מעשה וואס האט מיט די גליון?

איך האב געהאט א מורא'דיגע זאך. ווען מען האט מיר גערופן פון אפיס פון דעם חשוב'ן השגחה פרטית ארגאניזאציע און געזאגט אז מ'לייגט א קוויטל ביי ר' שלמה'קע זוועהילער, יעדע ערב ראש חודש, דאס האט מיר דאן מורא'דיג געכאפט, און דאס איז נאך א זאך וואס האט מיר צוגעשטופט עס צו וועלן פארשפרייטן אלס א פאסיגן מתן שכרה בצידה.

פונקט אין די זעלבע צייט האט מען זיך אויך מחזק געווען אינעם חשוב'ן ענין פון ברכת המזון בכוונה, און מען האט אנגעפאנגען ביי מיר אין שטוב צו אכטונג געבן מער אויף בענטשן ווי עס דארף צו זיין.

ס'איז געווען די ערשטע ערב ראש חודש פון מיין הפצה, יענע נאכט, ערב ראש חודש ביינאכט, רופט מיר אן א איד. ער האט יעצט געלט, און ער פרעגט מיר צו ס'פעלט מיר פונקט געלט...

בקיצור, איך האב אים צוריקגערופן, מ'האט געמאכט עפעס א שטיקל חשבון, ער האט מיר געגעבן פינף טויזנט דאלער!

קודם האב איך געטראכט וועגן די בענטשן, אבער שפעטער האב איך געכאפט אז מ'האט געזאגט אז מ'לייגט די קוויטל ערב ראש חודש.

איך האב אויך געהאט אן אנדערע מעשה וואס איך האב געוואלט פארשפרייטן, אבער איך ווייס נישט צו ס'קומט דא אריין צו נישט.

איך וואוין דא אין מאנסי פאר דריי יאר. איך האב געוואוינט פארדעם אין אנדערע פלעצער, איך האב אוועקגעמופט. פון ווען איך בין געקומען קיין מאנסי, האב איך שוין געוואוינט אין אפאר פלעצער.

ווען איך האב געקומען קיין מאנסי, האב איך אריינגעמופט אין א דירה און נאך צוויי יאר וואס איך האב געוואוינט אין די דירה האט מען מיר געמאלדן אז איך דארף ארויסגיין, מ'גייט אראפווארפן די בנין, און שוין, מ'דארף זוכן נאכאמאל א דירה.

מ'האט א לאנגע צייט געזוכט א דירה, און ברוך השם מ'האט געטראפן א דירה, מ'האט אריינגעמופט.

למעשה איז פון דעם ארויסגעקומען א שידוך פאר מיין שוואגער.

די נייע דירה, איז געווען אין א גרויסע בנין. איינער פון די שכנים האט פונקט אמאל גערעדט מיט מיין רעבעצין, זי האט געהערט פון איר אז זי האט א ברודער, ער איז א בחור פון צוויי און צוואנציג יאר. און דער וואס האט געוואוינט פאר מיר אין די דירה וואו איך האב אריינגעמופט, די פרוי, האט יענע פונקט אמאל געהערט פון יענעם אז זי האט א שוועסטער. איז איר איינגעפאלן די געדאנק פון די שידוך, און ס'איז געווארן די שידוך! גראדע איז מיין שוואגער געווען אין ליזענסק אויפן יארצייט, אין יענעם טאג איז איר איינגעפאלן די שידוך, די געדאנק.

### צו האט איר עפעס א מעסעדזש וואס דו קענסט איבערגעבן פאר אנדערע וואס טראכטן צו זיי זאלן עס פארשפרייטן?

איך קען איבערגעבן אז ס'איז א מורא'דיגע זאך. ס'איז זייער א חשוב'ע זאך, אז מ'האט די זכי' צו פארשפרייטן א גליון וואס איז מחזק אזוי פיל אידן. אויך אויף די ליין האב איך געהערט הערליכע מעשיות פון השגחה פרטית, און ס'איז ממש מורא'דיג מחזק, און מען קען נאך פיל מער אויפטון ווען עס קומט נאך מיטן גליון אויך צו די זייט.

לא
איר
קענט
ווערן
א משפיע!

מיט אייער השתתפות
פון $36 א חודש פאר'ן גליון
"השגחה פרטית"
וואס פארשפרייט
אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט
צו זיך אינדערהיים
10 השגחה-פרטית
גליונות צו קענען
פארשפרייטן אמונה
צווישן אידן!

א באזונדערע שליח
וועט בעז"ה ארויפגיין
צום ציון פון
בעל
"חובות
הלבבות"
אין צפת,
און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער
האט געזאגט:
"אז מען טוט אין השגחה פרטית
זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן
משפיע זיין אמונה און בטחון
פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר

דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com